№ 32 (272) „Nal. opłata. uiszczono ryczałtem“ בלאַט 10 זייטן VI-ער יאָהרגאַנג

...erpnia 1929

ראדאָם, פרייטאג י׳ מ...

פרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

# ראדאָמער-קעלצער לעבען

אנאָנסען פרייז

אין פּעטיט: פאַר׳ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " גאָב׳ן " 25 "

די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטן 8 שפּאַלטן
אין טעקסט 4 .

עס בעטייליגען זיך:

פרויען: מרים אָרלעסקאַ, אסתר גאָלדענבערג, יכבד הייסליץ, נעמי נאָסאַן, דינה קאַמען א. א.

מענער: דוד בירנבוים, חיים בראָקאָוש, מענדעל דיאַמאַנט, זלמן הירשפעלד, יעקב ווייסליץ, יעקב מאַנסדאָרף, שמחה נאָסאַן, יוסף קאַמען, יעקב קורלענדער א.א.

בילעטען שוין צו בעקומען אין אפּטייק-סקלאַד פון ה. צימערמאַן

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי“ ראַדאָם.

יאָר XIV. ווילנער טרופּע אנפ. מ. מזאָה

נאָר 3 פאָרשטעלונגען

פרייטאג דעם 16 ה.ח. קדוש השם — פון — שלום אש

שבת דעם 17 ה.ח. אונטערוועלט
אין 4 אַקטען פון פר. לאַנגער.

זונטאג דעם 18 ה. ח. פון יצחק לייבוש פּרץ
ביינאַכט אויפן אַלטען מאַרק
א טרוים פון א פיבער-נאַכט אין 3 אַקטען.
מוזיק: יוסף קאַמינסקי — דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: ח. ווײַנשרויב

Powszechny Bank Spółdzielczy
Spółdz. z ogr. odp.
w Radomiu, Lubelska 27.
TELEFON № 502.

די באַנק פּאָושעכני ראַדאָם

לובלינער 27, האָט דעם כבוד בעקאַנט צו מאַכען, אז צוליב׳ן דער-האַלטען א גרעסערע געלד-סומע פון דער צענטראַלער באַנק אין לעמבערג, זענען מיר אימשטאַנד צו ערטיילען אונזערע מיטגלידער הלוואות, בוואַנסען אויף אינקאַסעס און אויף דיסקאָנטאָ.

גלייכצייטיג ווערט בעקאַנט געמאַכט, אז עס ווערט אָנגענומען אָנשפּאָרונג׳ס-איינלאַגען פון די קלענסטע סומען און לויט די העכסטע פּראָצענטירונג און אויף זעהר גוטע בעדינגונגען.

בעמערקונג: אונזער אינקאַסע-אָבטיילונג איז געוואָרען רעאָרגאַניזירט און מיר זענען אין דער מעגליכקייט, אָנהייבענדיג פון דעם 1-טען סעפּטעמבער 1929, אָנצונעמען אינקאַסעס פון אָרטיגע וועקסלען צום פּרייז 20 גר. פון שטיק.

וועקסלען פון פאָלגענדע שטעדט:
שידלאָווצע, קאָזשעניץ, אילזשאַ, זוואָלין, פּשיטיק
צום פּרייז 1 זל. פון שטיק.

וועקסלען אויף ערטער, וואו ס׳געפינט זיך אָבטיילונגען פון „באַנק-פּאָלסקי“:
צום פּרייז 1.50 פון שטיק.

אויף די ערטער, וואו מיר האָבען אונזערע קאָרעספּאָנדענטען, רעכנען מיר צו קאָנקורענץ-פּרייזען. און אויף אַנדערע ערטער — געגנוי לויט די טאַקס-פּרייזען.

די אינקאַסעס ווערן אויסגעצאָלט דעם זעלבען טאָג פון איינפליסען.

GARBARNIA
Spółka z ogran. odpow.
„CHROM“ — w — Radomiu
przyjmuje do przerobu skóry bydlęce (bukaty)
cielęce, końskie i kozie
na chrom czarny i kolorowy
Wyrób pierwszorzędny. Warunki przystępne.
powszechnie znany ze swej dobroci

גאַרבעריי-געזעלשאַפט
מיט בעגר. האַפטונג „חראָם“ — אין — ראַדאָם
נעמט-אָן צום אויסאַרבייטען
רינד-פעל (בוקאַטען), קאַלבס-פעל, פערד און קאָזע-פעל
אויף שוואַרצען און קאָליערטען כראָם
ערשטקלאַסיגע אויסאַרבייטונג. צוגענגליכע בעדינגונגען.
די פירמע „חראָם“ איז איבעראַל בעקאַנט מיט דער גוטער קוואַליטעט פון איהר אויסאַרבייטונג.

## דאַנקזאַגונג.

דעם ד״ר קאַלאָדנער פאַר זיין אויספיהרען די אָפּעראַציע איבער מיין זוהן דעם 26/7 (Appendicitis) שלעפּע-קישקע מיט ראַפּע, דעם ד״ר וו. פינקעלשטיין, וועלכער האָט שוין מיין זוהן פיעל מאָהל פון שווערע קראַנקהייטען אויסגעהיילט, דער פעלדשער פינקעלשטיין פאַר זיין רעיעלע אָבאַכטונג, דעם גאַספּאַדאַזש אַדלער, פלעגינאַרקעס, העכסטער סאַר זייער פינקטליכע רעיעלע בעדינונג. — די אַלע ה״ה דאָקטוירים, פעלדשער און שפּיטאַל-פּערסאָנאַל, דריק איך אויס דעם איניגסטען דאַנק.

מיט אַכטונג האַנאַחער, ראַדאָם, רינעק 16.

שמאלצען. און דער מח איז פול מיט ווייס-געלבליכען חלב און קוים איין אויסגעמאגערט געדאנקעלע בעוועגט זיך פויל און זיכער-געלד! און דאס לאכט פון אלץ וואס האלט אויף א פאלק.

צולאך - זשע זיך מיט גאליג גע-לעכטער.

„טרייסט מיין פאלק!"

* * *

טרייסט מיין פאלק!

קלינגט עס אין די אויערן ווי דאס בייזע געלעכטער פון א שד וואס רייצט די פיאוסטע:

„בייזט הערליך שעהן".

„דיין געשטאלט בעצויבערט!"

און דאס וואס מען רופט א בלינדען „סגי נהור" און דעם נארישסטן שוטה — חכם.

ווען עס איז קיין פאלק נישטא. ווען עס איז קיין לעבען נישטא. ווען עס זענען געווארען שאטענס פון מענשען. ווען מען דארף רעדען און רופען צו די - וואס וויקלען זיך ווי שלאנגען ארום זייערע קאסטעס און דאס איז די איינציגע זאך צו וועלכע זיי דינען, ווען ארום דיר איז קיין לעבעדיגער מענש נישטא, נאר עפעס אזויגס. וואס שלעפט פון איין קעשענע און בעהאלט עס אין דער צווייטער. ווען מען איז פרעמד פון אייגען לעבען און מען געדענקט שוין אפילו נישט ווי דאס האט אויסגעזעהען נישט קיין אייגענע פרייד און לייד און אפילו נישט קיין אמביציע צו אייגענער גייסטיגקייט.

דאן קלינגט עס אזוי טרויעריג און ווייטאגדיג, סגי-נהורדיג: „טרייסט מיין פאלק!"

און אין פינסטערער נאכט קייקעלט זיך א גאליג געלעכטער... א געלעכטער פון פיין און פון שאנד...

**ב. עפעלבוים.**

# א ראדאמער-אמעריקאנער מאז, א ראדאמער יונג-ווייבעל און א לאדזער בחור.

## א אמת'ע מעשה מיט א ראדאמער מיידעל, וואס האט חתונה געהאט מיט א ראדאמער-אמעריקאנער בחור. — זי פטראשעט דעם אמעריקאנער מאן מיט א ליבע פון א לאדזער בחור. — אנשטאט געלד—גט.

קומט דער ליבער זומער הויבען זיך אן צו שיטען קיין פוילען אמעריקא-נער געסט, און ספעציעל בחורים, אלטנ'ס און גע'גט'ע מענער צו כאפען איירָאפּעאישע לופט און אויך א שעהן מיידעל פאר א ווייב. ס'רוב אבער ענ-דיגען זיך די גאלדענע שידוכים מיט טראגי-קאמעדיעס.

און אט האבען מיר צו פערצייכע-נען א פאקט פון אזא מין טראגי-קא-מעדיע, מיט וועלכער עס קאכט זיך איצט אין ראדאם.

געווען איז עס אזוי:

פאראיאהרען זומער איז אנ'אמערי-קאנער בחור געקומען אהערצו זיך זעהן מיט זיינע עלטערן און, אפזיי-ענדיג דא עטליכע טעג, האט ער זיך בעקענט מיט דעם אנגעזעהענעם זעהר שעהן מיידעל ג., אין וועלכע ער האט זיך פערליבט און איהר פארגעלעגט צו חתונה האבען, מיט דעם תנאי, אז זי וועט צו איהם שפעטער פאהרען קיין אמעריקא.

דאס מיידעל האט דעם פארשלאג גערן אנגענומען און ס'איז מיט מזל געשטעלט געווארען א חופה.

קורץ דערנאך איז דער יונגערמאן אפגעפאהרען קיין אמעריקא און אין א קורצע צייט ארום האט ער זיין יונג ווייבעל ארויסגעשיקט אויספאדערונגס-פאפירען מיט א היבש ביסעל געלד אויף רייזע-הוצאות.

דאס יונגע ווייבעל האט מיט גרויס שמחה זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע. זי איז תיכף אבגעפאהרען קיין ווארשא, בכדי דארט צו בעשטעלן א שעהנע אויסשטאטונג. אין די איבער-שעה'ן פלעגט זי, דאס יונגע ווייבעל, בעזוכען פערשידענע פערגניגונגען און טאנץ-אווענדען. אויף איינעם אזא טאנץ-אווענד האט זי זיך בעקענט מיט א לאדזער רייכען בחור, וועלכער האט איהר דעם גאנצען אווענד נישט אפגע-לאזען, כפדר מיט איהר געטאנצט און „אויף איין פוס" זיך ערקלערט איהר אין ליבע.

בעת מעשה האט זי איהם אפילו געפרובט ענטזאגען. ענטדעקענדיג איהם דעם סוד, אז זי איז שוין א ווייבעל און דארף בקרוב אבפאהרען צו איהר מאן קיין אמעריקא. ער אבער איז ביי זיך נישט אראבגעפאלען, אדרבה, ער האט פון איהר דרייסט געפאדערט, אז זי זאל פערלאזען דעם אמעריקאנער מאן און חתונה האבען מיט איהם, פאר וועמען זי וועט לעבען גליקליך אין „קעניגליכע" פאלאצען מיט כל טוב אין דער וועלט, נאך בעסער ווי אין קאלומבוס'עס מדינה.

דאס יונגע ווייבעל, געפינענדיג זיך אין גרויס פערלעגענהייט, האט אוועק-געשריבען א בריעף צו איהר מאן קיין אמעריקא, אז ער זאל איהר מהון די געפעלינקייט און ארויסשיקן 1000 דאלאר אויף חתונה צו מאכען איהר שוועסטער, וועלכע איז שוין קרוב לשלושים, אנדערש הייסט זי נישט, זי וועט צו איהם אזוי גיך קענען קו-מען, ווייל זי קען נישט לאזען איהר עלטערע שוועסטער זיצען אייביג א מיידעל... אגב אורחא האט זי איהם געגעבען אנצוהערען וועגען איהר בע-קאנטשאפט מיט א לאדזער שעהנעם בחור, וועלכער וויל מיט איהר חתונה האבען און אויך חתונה מאכען איהר עלטערע שוועסטער.

דער פארבענקטער מאן אין אמערי-קא, דערהאלטענדיג אזא בריעף האט קיין סך נישט געקלערט און ארויסגע-שיקט זיין געליבטע פרוי א גרויסען פאקעט מיט... א גט. בעדאנקענדיג איהר דערביי פאר דער קורצער צייט, וואס זי איז געווען זיין פרוי... ווייל דורך איהר מזל — ווייזט אויס — האט איהם גראד די צייט אבגעגליקט און ער איז רייך געווארען.

ערשט נישט לאנג איז דער פאקעט אנגעקומען קיין ראדאם און איז אריינ-געפאלען פונקט אין די הענד פון זיין יונג ווייבעל. מיט נערוועזע שפאנונג האט זי דעם פאקעט געעפענט און ווי איבערראשט איז זי געווארען, ווען זי האט, אנשטאט 1000 דאלאר, נאר דער-זעהן א גט. איבערלייענענדיג דעם ביי-געלעגטען בריעף וועגען זיין געהאלדי-גע עשירות, האט זי א שליידער געטון דעם גט אויף דער ערד. כ'איז שוין אבער געווען פערפאלען, ווייל דערביי זענען גראד געשטאנען נייגעריגע שכנים און אלץ צוגעזעהן, אזוי ארום איז דער גט געווען כשר.

דאס יונגע ווייבעל, ס'הייסט: די גרושה האט זיך גענומען מופה און אוועקגעפאהרען קיין לאדז צו איהר רייכען געליבטען, מיט וועמען זי האט אנגעהויבען ווידער צו ראמאנסירען. ווען זי האט אבער אנגעצויגען א טענה וועגען א חתונה, האט ער איהר געענט-פערט, אז... די צייט איז פוילען איז בעזונדערס ביי איהם אין זעהר שלעכט און דעריבער האט ער נישט אין זי-נען אזוי גיך חתונה צו האבען...

איצט איז נעבעך דאס יונגע ווייבעל געבליבען זיצען א גרושה אין ראדאם (צוזאמען מיט דער עלטערע שוועסטער) קרח מכאן וקרח מכאן; ניט קיין מאן אין אמעריקא און ניט קיין חתן אין לאדז, נאר א שווינדלעריש אין די אויגען פון צורונענע הליטות וועגען אמעריקאנער לוקסוס און לאדזער פאלאצלעך...

# שלמה'לע זיצט אין בראזיליען, און זיין יונג ווייבעל שפילט די ראל פון א „וויסטע עגונה"

## ווי אזוי א ראדאמער ווייבעל „נאביערעט" די קרעדיטארען.

ווער ווייסט דאס נישט. אז ראדאם צאהלט נישט קיין וועקסלען... קיינדער אין די וויגען ווייסען שוין דערפון, אז ווער ס'האט א פראטעסט עלטערט זיך מיט איהם אין פריידען. דער ראדאמער האט זיך שוין צוגעוואוינט נישט צו בעצאהלען און נישט צו בעקומען בע-צאהלט, אמער געהן גאהנען א חוב און נאך מוזען צוצאהלען, געהען, הייסט עס, נאך ירושה און בעצאהלען קבורה-געלד, דאס איז א שטיקעל נייעס.

אזא בעגעגעניש האבען די טעג גע-האט די קרעדיטארען פון א געוויסען שלמה'לע ב. א שניט-סוחר.

ווי אלע סוחרים, האט זיך שלמה'לע נאך דער חתונה, סך הכל מיט א צוויי יאהר צוריק, גענומען א לעבעדיגען נדן מיט א יונג ווייבעל דערצו. און

Przefarbowane stare obuwie
**barwnikiem**
# SKINOL-FARBA
**w 54 kolorach**

niczem **nie różni się** od nowego obuwia gdyż po przefarbowaniu **Skinol-Farbą** jest trwała, farba nie ściera się, nie pęka i nie schodzi wskutek deszczu.

**ŻĄDAĆ WYRAŹNIE** SKINOL-FARBA **WSZĘDZIE.**

**Przetw. Chem.** „SKINOL" Warszawa Zielna 52.

---

*Od wielu lat już istniejące*
# Biuro Próśb
TŁOMACZEŃ — i — PRZEPISYWAŃ

*p. f.* „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

**Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych,** wojskowych i paszportowych **oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych**

**KORESPONDENCJA HANDLOWA**

umowy i punkt. przedrejentalne

---

# CYRK „KORONA"
## i Zwierzyniec
## ראדאם, פלאץ יאגיעלאנסקי
# א גרויסע פארשטעלונג

קומט פאר טעגליך מיט דער בעטייליגונג פון גאנצען אנסאמבל. וועלכער בעשטעהט פון 50 פערזאן — פערשידענע דרעסירטע חיות פון 160 מינים.

**ערשטקלאסיגע און נייעסטע צירק-שלאגערן**

מען האט די מעגליכקייט צו זעהען אין צירק די ווילדע לייבען ווי אזוי מען גיט זיי עסען און דרעסירונג.

2 שבת דעם 17-טען און זונטאג דעם 18-טען ה ח. 2
2 פארשטעלונגען — אנהויב 4 נאכמיטאג און 8.30 אח.

די מנאושעריע פון 160 מינים קען מען בעזוכען פון 9 פרי ביז 10 אוונד.

---

*Kino „NOWE CZARY" Teatr*

**Dziś i dni następnach**

**LILI DAMITA w filmie p. t.**

1) **AWANTURNICA**

**DOUGLAS FAIRBANKS w filmie p. t.**

2) **ZŁODZIEJ z BAGDADU**

---

דער סוחרים פעראיין דריקט אויס מיטגעפיהל דעם מיטגליד פון עהרען-געריכט ביים סוחרים-פעראיין ה׳ יונה גאלדבערג
צוליב דעם טויט פון זיין פרוי
# שפרינצע נ.ע.
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**עהרען-געריכט ביים ראט און פערוואלטונג פון יודישען סוחרים-פעראיין אין ראדאם.**

---

# מעלדונג.

**זונטאג דעם 18-ען שערפיען ה. י. 5 אזייגער נ. מ.**

קומט פאר אין אייגענעם לאקאל (רווינסקא 5)

**א אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער**

פון דער הילפ׳ס - געזעלשאפט „לינת הצדק" אין ראדאם.

אין פאל ווען עס וועט ניט קומען קיין גענוגענדע צאהל מיטגלידער, וועט די זעלבע פערזאמלונג צושטאנד קומען אין 2 טען טערמין 7 אז. אוועבד און וועט זיין גילטיג ביי יעדע צאהל מיטגלידער.

**פערוו. פון „לינת הצדק"** מיט מכשונג
**ראדאם.**

טאג-ארדנונג: 1) ערעפענען די זיצונג, 2) וועהלען א פרעזידענטען, 3) בעריכט׳ס-טעטיגקייט, 4) וועהלען 12 פערוו.-מיטגלידער און 6 קאנדידאטען, 5) וועהלען א רעוויזיאנס - קאמיסיע, 6) פרייע פארשלאגען.

---

געזעלשאפט „הכנסת כלה" אין ראדאם

# בעקאנטמאכונג

דערמיט ווערט בעקאנט געמאכט, אז זונטאג ט׳ יקב 8 אזייגער אוועבד פינקטליך קומט פאר א אלגעמיינע פערזאמלונג אין בית - המדרש הגדול דפה. יעדער איינער. וואס פערשטעהט ווי גרויס עס איז די מצוה פון „הכנסת כלה" זאל אונבעדינגט קומען אויף דער פערזאמלונג, ווא ס׳וועלען בעטראכט ווערען זעהר וויכטיגע פראגען.

**די פערוואלטונג.**

---

**BIURALISTKA:**

BUCHALTERYA, KORESPONDENCYA, MASZYNA

poszukuje pracy całodziennie lub godziny

WYMAGANIA SKROMNE — REFERENCJE

Łaskawe oferty sub № 340.

---

איך האב פערלוירען א וועקסעל אויף 25 זל. צאהלבאר דעם 30-טען וואשדזיערניק ה. י. דער אויסשטעלער איז יעקב לייביש הייפמאן שפיטאלנא 4. דער זשיראנט יצחק ראזענשטיין. איך בעט דעם עהרליכען פינדער מיר אומצוקעהרען דאס וועקסיל, ווייל פאר איהם האט עס קיין שום ווערטה נישט.

**יצחק ראזענשטיין**

ראדאם, סטארא-קראקאווסקא 8.

---

*Kino „CORSO" Teatr*

**Dziś i dni następnych**

1) **NIEWOLNICA MIŁOŚCI**

**w roli głównej JADWIGA SMOSARSKA**

2) **WYSPA ŁEZ**

**w roli głównej LYA DE PUTTI.**

---







Absolwent — SZKOŁY — Handlowej
młody rutynowany **buchalter**
i korespondent z kilkuletnią praktyką
piszący biegle na maszynie
poszukuje posady stałej, lub na godziny.

Zgłoszenia skierować do administracji pod „Stenobuch"

Redaktor CH. M. HERC

Drukarnia Wyd. „Rademer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20.